# משולחן מלכים

## שיחות קודש שנשמעו מפי כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קישור החיתון של נכדת כ"ק מרן רבינו שליט"א

**בת בנו הגה"צ רבי חיים צבי טייטלבוים שליט"א**
רב קהל עצי חיים סיגוט וויליאמסבורג יצ"ו
**חתן הגה"צ ר' חנני' יו"ט ליפא טייטלבוים שליט"א אבד"ק בית אהרן**
**עב"ג החתן בנש"ק הרב אברהם יהושע העשיל רוקח שליט"א**
**בן הגה"צ רבי שמואל שלום רוקח שליט"א אדמו"ר מקארוב**
**בן כ"ק הגה"צ ר' מאיר מקאזלוב זצ"ל וחתן כ"ק הגה"צ ר' משה מוואודיסלוב זצ"ל**

יום ג' פרשת וירא תשע"ח לפ"ק

**המחותן האדמו"ר מקארוב שליט"א:** פון די גזע היחוס קומט צו צום חתן אויך דער בני יששכר וואס די כלה איז אן איניקל דורך די קיוואשדער זייט.[1]

אזוי זענען מיר איבער געגאנגען מיטן מחותן, און ס'איז כמעט אלעס שוין דא, חוץ פון דעם.

**רבינו:** דער צד החתן זענען גארליצער אייניקלעך, זענען זיי סיגוטער אייניקלעך אויך.[2]

**המחותן:** דער טאטע (האדמו"ר מקאזלוב) איז נישט בקו הבריאות, ער פילט נישט גוט, האט ער נישט געקענט קומען, ער זאגט אז ביים תנאים וועט ער אי"ה זיין.

**הגה"צ אבד"ק סיגוט שליט"א:** דער מחותן זאגט אז ביי זיי קומט צו דער בני יששכר, ביי אונז קומט צו בעלזא, אונז האמיר נישט קיין בעלזער יחוס.

**המחותן:** פרעמישלאן האט עטץ יא?

**רבינו:** ניין, פרעמישלאן אויך נישט.

**המחותן:** אונז זעמיר כמה פעמים פרעמישלאנער אייניקלעך. אונז זעמיר דאך שאצער אייניקלעך.[3]

**מוה"ר שמואל הכהן פריעדמאן הי"ו, משב"ק:** רבי מיכל זלאטשובער אויך.[4]

**אב"ד בית אהרן:** דער בעל התניא.... דער מאור עינים

**רבינו:** און קארלין?

**המחותן:** יא יא, קארלינער אייניקלעך זעמיר אויך.

**רבינו:** און פון רבי'ן ר' זושא?

**המחותן:** פון רבי ר' אלימלך זעמיר אייניקלעך,[5] אבער פון רבי ר' זושא נישט.

**רבינו:** אונז זעמיר יא אייניקלעך פונעם רבי'ן ר' זושא, דער זיידע רבי מאטעלע הארנסטייפלער איז געווען א זון פון ר' משולם זושא אויערבאך (מטאלמיטש), זיין פאטער איז געווען אן אייניקל פון רבי'ן ר' זושא,[6] ער האט לכאורה געהייסן משולם זושא נאכ'ן רבי'ן ר' זושא.

---

1 הגה"צ אבד"ק בית אהרן שליט"א הוא חתן כ"ק הגה"צ רבי משה הלבערשטאם ז"ל מקיוויאשד, חתנו של כ"ק רבי אלעזר שפירא ז"ל מקיוויאשד, בן אחר בן להרה"ק הבני יששכר ז"ל.

2 חותנו של האדמו"ר מקאזלוב ז"ל הגה"צ הראב"ד מפרעשבורג ז"ל הי' מצד חותנו נכדו של הרה"ק רבי משה'לע מבארדיוב ז"ל בן הגה"ק מגארליץ ז"ל בן מרן הדברי חיים ז"ל וחתן מרן הייטב לב ז"ל.

3 זקינו של המחותן כ"ק ר' משה רוקח מקאזלוב ז"ל הי' חתנו של הרב ר' אהרן האלפערן ז"ל מברעזשאן חתנו של רבי מאיר'ל משאץ ז"ל בן רבי יואל משאץ ז"ל חתנו של הרה"ק רבי ר' מאירל מפרעמישלאן ז"ל.

4 כ"ק רבי יואל משאץ ז"ל הי' בנו של רבי חיים ז"ל בנו של רבי יוסף מיאמפעלע ז"ל בנו של הרה"ק רבי ר' מיכל מזלאטשוב ז"ל ולמעב"ק.

5 מצד חותנו של רבי מאיר מקאזלוב ז"ל שהיו נכדי בעל באר משה מקאזניץ ז"ל חתנו של רבי אלעזר מליזענסק ז"ל בנו של הרה"ק רבי ר' אלימלך ז"ל.

6 הגה"ק רבי מרדכי דוב טווערסקי מהארנאסטייפל ז"ל, הי' בנו של רבי משולם זושא יצחק מטאלמיטש ז"ל, בנו של רבי יחיאל מיכל אוירבאך ז"ל מקירימא, בנו של רבי הערש מענדל ז"ל בנו של הרה"ק הרבי ר' זושא מהאניפאלי ז"ל.

**רש"ה:** דער אלטער קיוויאשדער ר' אלעזר איז געווען אן אייניקל פון אלע דריי ראפשיצער קינדער, דזשיקוב, לינסק און מעליץ.

**רבינו:** מ'דערציילט אז ווען רבי מאטעלע הארנאסטייפלער איז געווארן אן חתן ביים דברי חיים, האט דער דברי חיים געזאגט פאר'ן מחתן דעם אבי החתן, אז ער זאל אויסרעכענען דעם יחוס פונעם חתן, ער איז דאך געווען א בן אחר בן פונעם רבי'ן ר' זושא – ער האט נאר געהייסן טווערסקי, ווייל זיין מוטער איז געווען א טאכטער פונעם טשערקאסער – און רבי מאטעלע איז דאך אויך געווען א אייניקל פונעם בעל שם טוב הק', ווייל זיין באבע די רביצין פון רבי הערש מענדל דער זוהן פונעם רבי'ן ר' זושא איז געווען א אייניקל פון בעל שם טוב הקדוש (הרה"ק רבי הערש מענדל היה חתן הרה"ק רבי דוב בער מאולנוב ז"ל בן הרה"ק רבי צבי ז"ל בן מרן הבעש"ט הק' ז"ל).

האט ער אנגעהויבן אויסצורעכנען דעם יחוס, דער פאטער האט געהייסן רבי מיכל קירימער, און רבי הערש מענדל ביזן רבי'ן ר' זושא, און ער האט נאך געוואלט אויסרעכענען דעם יחוס ביזן בעל שם טוב הק' אויך, האט איהם דער דברי חיים אפגעשטעלט, און האט געזאגט אויפן רבי ר' זושא "אין בודקין מן המזבח ולמעלה...!"

האט דער דברי חיים דערציילט דעמאלטס באותו מעמד, אז די תלמידים פונעם מגיד (הרה"ק הרבי ר' בער המגיד הגדול ממעזריטש) האבן איינמאל געזעהן אז דער מגיד פאסט איין טאג נאכן אנדערן, און מ'האט מורא געהאט אז ס'קען איהם שאדן צום בריאות, האט מען געטענה'עט מיטן מגיד דער רבי ר' בער און מ'האט געפועלט ער זאל מסכים זיין טועם צו זיין, איז מען געגאנגען צו די רביצין זי זאל צוגרייטן עפעס צו עסן, האט זי געזאגט אז זי וועט גיין אנגרייטן עסן פאר'ן מגיד, נאר זי האט דאך א קליין קינד – דער מלאך (ה"ה הרה"ק רבי אברהם המלאך בנו של המגיד ממעזריטש ז"ל) איז דעמאלטס געווען א קליין קינד – און ער איז געלעגן אין וויגעלע, זאל עמיצער אכטונג געבן אויפן קינד, האט זיך דער רבי ר' זושא אונטער גענומען אז ער וועט אכטונג געבן אויפן קינד, און די רביצין איז געגאנגען עפעס אנגרייטן פאר'ן מגיד טועם צו זיין.

דאס קינד איז געלעגן אין וויגעלע און דער רבי ר' זושא האט געהאט ביי זיך א ספר של"ה הק', און ער האט זיך פארטיפט אינעם של"ה, און דאס קינד האט זיך גענומען וויינען, און ס'האט זיך ארויס געגליטשט פון וויגעלע, האט רבי זושא געזעהן אז צוויי זאכן קען ער נישט טוהן – לערנען של"ה און אויך אכטונג געבן אויפן קינד – האט ער צוגעמאכט דעם של"ה און אכטונג געגעבן אויפן קינד, ער האט דאך אזוי זיך אונטער גענומען..., איז אראפ געקומען דער של"ה הק' פון עולם העליון, און ער האט איהם געזאגט אז ער זאל ווייטער לערנען של"ה, און ער וועט אכטונג געבן אויפן קינד.

האט דער צאנזער רב אויסגעפירט, אז דער של"ה הק' האט זיך געקענט מטריח זיין פון עולם העליון כדי אז דער רבי ר' זושא זאל לערנען אין זיין ספר, איז אויף דעם געזאגט געווארן "אין בודקין מן המזבח ולמעלה..."

אזוי האט דער דברי חיים פארציילט דעמאלטס ביים שידוך שליסן.

**הגה"צ אב"ד בית אהרן שליט"א:** דער דברי חיים האט געזאגט, איך האב נישט דעם של"ה, אבער איך האט ביי די דרייצן יאר אדורך געלערנט דעם של"ה דארט וואו ער איז געווען, אין א ביהמ"ד ערגעץ האט ער געלערנט של"ה און ער קען עס אויסנווייניג, נאר ווייל ער האט נישט געהאט קיין געלט האט ער עס נישט געקויפט.[7]

**רבינו:** דעם חלק האב איך נישט געהערט, אבער די מעשה פריער האב איך יא געהערט.

**המחותן:** רבי יוחנן, רבי פיניעלע אויסטילער'ס זוהן איז דאך געווען אן איידעם ביים עצי חיים.

כ'האב געזעהן לעצטנס א חתונה בריוול, ביי די חתונה האט דאך שוין דער עצי חיים נישט געלעבט, רבי שלום אליעזר'ל דער זיידע איז דאך געווען דער זיידע, ער האט געשיקט דאס חתונה בריוול, די כלה האט געהייסן 'יוכבד'.

**רבינו:** 'יוכבד רבקה' האט זי געהייסן, דאס איז א טשערנאבלער נאמען.

**המחותן:** יא, און דער חתן האט געהייסן 'יוחנן', און ביי די חרוזים ביי יוחנן שטייט 'יפה זית משחת רוקח, כ'געדענק

---

7 עיי' בס' צבי תפארה (פ"ט) שסיפר הרה"צ מהרצ"ה מרידניק זצ"ל שפע"א הבחי אביו הק' מגארליץ שאין בבית אביו הק' מצאנז את הספר של"ה הקדוש, וכשהביאו לאביו ראה שאינו שש לזה הספר, ומרן הק' מצאנז אמר לבנו שפע"א למד את כל הספר אצל מוכר ספרים שהשאיל לו את הספר וכנ"ל.

ועיי' בס' מקור חיים שהרה"ק רבי יצחק ישעי' מטשחויב זי"ע סיפר כי כאשר למד עם המלמד היה זקוק לגמרא, ונכנס אל אביו לבקש שיקנה לו גמרא, אך אביו לא השיבו, נעמד הילד בצד ובכה, שאל מרן הדברי חיים את המשמש לסיבת בכייתו, והוא אמר שהילד מבקש שיקנו לו גמרא, הגיב על כך מרן: בילדותי השתוקקתי מאד לרכוש את ספר השל"ה הקדוש, אבל הספר לא היה ברשותי, מה עשיתי, נכנסתי לבית המדרש בו מצאתי ספר של"ה שקדתי עליו כל הללה ומאז אני זוכר את תוכן דבריו הק'.

שוין נישט פונקטליך, אבער ר' שלום אליעזר'ל איז מרמז דארט אין די חרוזים אויך די בעלזער משפחה.

**רבינו:** ווער האט דאס חתונה בריוול?

**אב"ד סיגוט:** ס'איז דא קאפיע'ס פון דעם.

**רבינו:** כ'האב שוין געזעהן די חתונה בריוולך פון די אנדערע קינדער פונעם זיידן (העצי חיים), דאס האב איך נאכנישט געזעהן.

**המחותן:** מ'האט גערעדט דא וועגן תעניתים, רבי פיניעלע האט אמאל גערופן דעם בעלזער רב אז ער מאכט א סיום, רבי פיניעלע איז דאך געזעצן אויף קאסט ביים בעלזער רב (בהיותו חתן הגה"ק מהרי"ד ז"ל) פרעגט ער אים א סיום אויף וועלכע מסכתא? זאגט ער, מסכת בבא בתרא, זאגט ער, כ'וויל בעסער קומען צו דיר ווען דו וועסט מאכן א סיום אויף מסכת תענית.

**אב"ד סיגוט:** זעהט אוים רבי פיניעלע האט אסאך געפאסט.

**רבינו:** יא, אלע טשערנאבלער קינדער האבן אסאך געפאסט[8] דער טריסקער מגיד האט זייער אסאך געפאסט.[9] ער האט געקענט פאסטן משבת לשבת.

**אב"ד בית אהרן:** דער גארליצער רב האט דאך געזאגט אז ביים טריסקער מגיד האט ער געלערנט אז מ'קען לעבן אום געגעסן.[10]

**המחותן:** דער שינאווער רב ברענגט אראפ ביי שובבי"ם אז דער תענית פרייטאג איז אויך פונעם טשערנאבלער מגיד.[11]

**אב"ד סיגוט:** אין קדושת יו"ט שטייט אויך אזוי.[12]

**רבינו:** דער קדושת יו"ט האט איינגעפירט מ'זאל זאגן תהלים פרייטאג פארטאג'ס.[13]

**המחותן:** דער חתן הייסט 'אברהם יהושע העשיל' נאך א זיידן וואס האט געהייסן נאכ'ן אפטער רב.

**רבינו:** רבי אברהם יהושע העשיל פון מקארוב?

**המחותן:** יא, און ער האט געהייסן נאכן אפטער רב.

**רבינו:** דער ישמח משה שרייבט אין א תשובה (שו"ת השיב משה סי' כ"ט) אז ער איז געווען ביים אפטער רב, ווען ער ענדיגט די תשובה שרייבט ער 'בהיותי כאן פה קאלבסוב משובתי שבת אצל הרה"ק מקאלבסוב', ער איז געווען

---

8 וזה לשון קדשו של הרה"ק המגיד מטשערנאביל ז"ל (מובא בס' הנהגת הצדיקים ח"ב עמ' תקכ"א הדרכה ה') ...ואיך הוא מדריגת התשובה, צריך להיות במחשבה בדיבור ובמעשה, ותחילה צריך האדם לעשות תשובה במעשה מתתא לעילא, וצריך להתענות בכל ערב ראש חדש ושובבי"ם ת"ת, ובה"ב אחר פסח וסוכות, וליתן צדקה בכל ערב שבת והיה מעשה הצדקה שלום, נעשה שלימות... עכלש"ק.

ועיי' בס' החכמה מאי"ן שסיפר הרה"ק יצחק מסטיטשין על הרה"ק מטשערנאביל ובניו זי"ע, ואמר בשם אביו הרה"ק רבי משה מראזוודאב, שכאשר מסתכלים בליקוטי תורה של הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל בהדרכותיו, מי יודע אם לא קיבל על עצמו סיגופים כהרה"ק הרבי ר אלימלך זי"ע או אף יותר, ע"ש.

9 עיי' בס' הילולא דרבי מהגריא"ז מרגליות זצ"ל (דף י ע"ב) וז"ל: זכיתי להיות אצלו (הרה"ק המגיד מטריסק ז"ל) על שב"ק בימי השובבי"ם, והתענו רובם ככולם בערב שב"ק, כי כן דרכו בקודש לצוות להתענות ביום ו' כנגד היסוד, עכ"ל.

וכן בספרו מגן אברהם (פר' שמות) מבאר הטעם על שיש להתענות בימי עש"ק בשבתות השובבי"ם, ע"ש.

10 עיי' בס' י"ג אורות (ח"א עמ' מ') שהגה"ק מגארליץ ז"ל אמר שמאביו הק' למד שאפשר להיות בלי שינה, ומהמגיד מטריסק למד שאפשר להיות בלי אכילה, ועיי"ש סדר אכילתו.

11 עי' בספה"ק דברי יחזקאל (פר' שמות) וז"ל "אמרו משמו של הרב הקדוש מוהר"ר מרדכי מטשערנאביל זלה"ה שסגולה לזה להתענות בעש"ק ובשבת קודש יאמר תהלים וטוב לתיקון החטא הזה".

וכ"כ בס' מאורי אור להתענות בשובבי"ם ובשנה מעוברת להתענות גם בפר' תרומה תצוה כמבואר בכתבי האר"י הק' זצ"ל, ומוה"ז הקדוש מוה"ר מרדכי מטשערנאביל זי"ע אמר שאליהו גילה לו ג' דברים לתיקון, א) להיות ניעור כל ליל ו' עש"ק, ב) להתענות שובבי"ם ביום ו' דווקא ולא ישלים, כי יום השישי הוא נגד יסוד ולכן בו דווקא צריך להתענות, ג) לגמור כל התהלים בלי הפסק ביום השבת בבוקר.

12 עי' בקדושת יו"ט (פ' ויחי) וז"ל: "ונאמר בזה המרומז בתוה"ק באשר ימי השובבים ממשמשים ובאים, וצריך כל איש הישראלי לעורר עצמו בתשובה לפשפש בדרכיו ומעשיו אשר עשה ופעל בימים שעברו, כמאמר הנביא שובו בנים שובבים, והחי יתן אל לבו לתקן אשר פגם בנפשו. וביותר צריך לתקן החטא הידוע לאשר שבו נכללים כל החטאים ר"ל, כמבואר בסה"ק אשר תקנו ימי תענית בימים הללו, ואשרי האיש שזוכה להזדכך עצמו ולטהר מן החטא הזה".

13 עי' בקדושת יו"ט (פ' תולדות, בדרוש לחינוך בית הכנסת בעיר טעטש) וז"ל: וצריך כל אדם לידע בעצמו כי לא בית המדרש עיקר לבא לשם לעת מועד בעת התפלה להתפלל ולילך לדרכו, כי עיקר היא המעשה אשר יעשה לעסוק בתורה לקבוע עתים בבוקר ובערב ללמוד, ולתקן תקנות וגדרים להיות כל איש מיושבי בית המדרש, ולתקן לגמור תהלים פעם אחד בכל שבוע ושבוע בציבור כי היא תיקון ויסוד גדול לירידת השפע... וזהו הדרך ישכון אור באור החיים לאחוז האדם דרכו, לקבוע לו עתים לתורה מידי יום ביומו כל איש לפום דרגא דילי', ולעשות תקנות לגמור תהלים פ"א בשבוע בציבור, והיינו באשמורה ליל וא"ו שהוא תיקון גדול מאד כידוע מספה"ק".

ועי' בענין זה בספר דברי יואל מכתבים ח"א מכתב א', בסוף המכתב שכ' בשנת תרע"ד מק"ק ארשיווא למתפללי בית מדרשו בק"ק סאטמאר יצ"ו.

דעמאלטס אויף שבת אין קאלבסוב, דער אפטער רב איז דאך געווען קודם רב אין קאלבסוב.[14]

ס'איז דאך דא וואס מ'זאגט נאך אויף דעם דער סימן, ד' מלכותיה קאי"ם.[15]

**המחותן:** די וואך פ' וירא איז דא א ווארט פונעם אפטער רב ביי די עקידה, אז יפה כח הבן מכח האב, שטייט אין פסוק (בראשית כב, ז) ויאמר יצחק אל אברהם אביו ויאמר אבי ויאמר הנני בני, זאגט ער, יצחק איז געקומען צו די עקידה, האט ער זיך געוואונדערט אויף אברהם אבינו וואו קומט צו דיר אזא מידה?, אברהם איז דאך געווען מדת החסד און דאס איז דאך מידת הגבורה. האט ער געענטפערט 'הנני בני', יעצט נעם איך דיין מידה.[16]

**רבינו:** אין ייטב פנים (לראש השנה אות מ"ו) רעדט ער אויך דערפון, ער זאגט אז אברהם אבינו האט נישט געקענט גיין צו די עקידה מיט מדת החסד, האט ער געמוזט נעמען אויך מדת הגבורה, 'וילכו שניהם יחדו'. ער האט זיך אויסגעמישט מיט די מידה פון יצחק, מיט מידת גבורה, אזוי זאגט ער.[17]

**המחותן?:** דער שידוך איז דאך די וואך, ויקח את המאכלת, מ'לייענט דאך די עקידה.

**רבינו:** ס'איז א ראש השנה פרשה די וואך.

**המחותן:** מ'זאגט דאך אז ימים נוראים גייט ביז חנוכה, אז ס'איז מרומז אין פסוק (בראשית כב, ה) ואני והנער נלכה עד כ"ה, ביז כ"ה כסלו, ביז חנוכה.

**רבינו:** דער מאור עינים זאגט אזוי, אז עד כ"ה איז מרמז אויף חנוכה, אז אברהם אבינו האט שוין מתפלל געווען אויף דעם פון נס חנוכה.[18]

---

14 וזלש"ק: "בהיותי כאן פה קאלבסוב משובתי שבת אצל הרה"ק האלוקי הגאון החסיד האמיתי האב"ד דק"ק הנ"ל השי"ת יאריך ימיו ושנותיו [הוא הגאון קדוש ה' מו"ה אברהם יהושע העשיל שהיה אח"כ אבד"ק מעזיבעז ואפטא בעמח"ס אוהב ישראל], בא לפני השו"ב שלו והציע לפני וכו' ואחר בירור כל הענין להלכה מסיים שם הישמח משה בזה"ל: כל הנ"ל נלפענ"ד באופן שיסכים ע"י כבוד הרב הגאון החסיד מרא דאתרא מפה"ק קאלבסוב יצ"ו, הכ"ד משה ט"ב האבד"ק שינאווא החותם פה"ק קאלבסוב". עי"ש.

15 הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע כיהן כאב"ד בג' קהלות, ראשונה בעיר קאלבסוב, ולאחריו כיהן באפטא, ואמרו בשמו שאפטא גימטרי' צ"א כשילוב השמות הק' הוי"ה אדנ"י, ואח"כ הי' רב עיר ביאס וכשנסתלק הרה"ק ר' ברוך ממעז'יבוז ז"ל עבר לגור למעזיבוש, אבל שם לא כיהן כאב"ד רק היה לו שם ביהמ"ד שהתפלל עם חסידיו, והחסידים מצאו רמז בקשר להקהילות שבהם הי' ה' מלכותיה קאי"ם ר"ת ק'אלבסוב א'פטא י'אסי מ'עזיבוזש כלומר שעל ידו נתפרסמה בהן מלכותא דשמיא.

ועי' בזה לשו"ק של הסידורו של שבת חלק א', שורש א', ענף ב, אות ה' עי"ש.

16 עי' בספה"ק אוהב ישראל (ליקוטים חדשים פ' וירא) וז"ל: "ויאמר יצחק אל אברהם אביו ויאמר אבי ויאמר הנני בני. וקשה כפל הלשון אביו ויאמר אבי. והענין הוא כי אברהם היה מרכבה למדת החסד. ובוודאי לא היה זה ממדתו לשחוט את בנו כי זה הוא ממדת הגבורה. וזהו ויאמר יצחק אל אברהם אביו ויאמר אבי, היינו ששאל אותו הלא אתה אבי ומדתך חסד ואיך תוכל עשות זאת הלא אינו ממדתך. והשיב לו הנני בני, פי' שעתה צריך אני להיות במדתך, ר"ל גבורה. כדי שאוכל לעשות רצון קוני".

ועי' מש"כ בזה בדרוש לפורים על פי' משנכנס אדר מרבין בשמחה, וז"ל: "כמ"ש האריז"ל על פסוק (בראשית כב, ז) ויאמר יצחק אל אברהם גו' אבי ויאמר הנני בני. היינו שהיה יצחק מתמיה מאוד ואמר לאביו הלא אתה אבי. ר"ל הידוע ומפורסם במדת טובו וחסדו. ודרכו להיטיב עם כל הברואים ואיך כעת נהפכת להיות מוסכם ברצונך לעשות דבר זה היפך מדתך וטבעך. ויאמר הנני בני. ר"ל לעת עתה אני לבוש בבחי' בני שהוא מדת הגבורה שהוא לצורך שעה. נמצא שאז היה נכלל בחי' אברהם ביצחק ובחי' יצחק באברהם שיצחק לבש מדת אברהם יסוד המים שנשפך לארץ שהיה אז בעיני עצמו נבזה ושפל כדי לקיים מצות בוראו. וכמ"ש (שם ח) וילכו שניהם יחדיו. ועל דרך זה נתהוה ג"כ בהעולמות עליונים וכמבואר בספה"ק, עי"ש".

17 וז"ל שם בתו"ד: על דרך שפרשתי בספר ייטב לב פרשת לך (בראשית יד יד) וירק את חניכיו. כי כתיב (בראשית יא לב) וימת תרח בחרן, הבחינת חרון אף וכעס, ואברהם היפך את עצמו לבחינת חסד דקדושה. וזה סוד (יהושע כד ב) בעבר הנהר, ירמוז לכעס וגבורה עבר הנהר המושך מימי חסד, ישבו אבותיכם תרח וגו', והוא חינך את אברהם בימי נעוריו במדתו. אלא שאברהם הפכו לטוב (ירושלמי ברכות פ"ט ה"ה), וכהא דאיתא במסכת שבת (קנ"ו.) מבן דנולד במזל מאדים להוי טבחא ומוהלא. ועל דרך זה כשהלך אברהם ללחום מלחמות ה', אז וירק את חניכיו, המדה שחינכו אביו לעשות נקמה בגוים. והנה כמו כן בעקידה היה צריך אברהם לכבוש רחמיו מבן יחידו, ולהתלבש במדת גבורה לשחטו לשפוך דמו, וכמו שפירש הזוהר (ח"א ק"כ.) הנני בני (בראשית כב ז), דאסתליק רחמי ואיתהפך לדינא. וז"ש וישכם אברהם בבוקר ויקח את שני נעריו אתו, מדת גבורה שהיה לו בימי נעוריו, ויבקע עצי עולה כו' בשתי בקיעות, הרמז שבקע את עצמו ממדתו להתכלל בגבורה, ובקע את יצחק בנו ממדתו גבורה שלא לעכב על הדבר, כי אם לאהבת ה' ימסור נפשו אליו, ויגמול חסד עם קוניהו, [וכדכתיב (בראשית כב ב) קח נא את בנך, ואמרו חז"ל (זוהר ח"א קי"ט:) קח אותו בדברים], והיינו (בראשית כב ו) וילכו שניהם יחדיו, כלולין יחד. ועל ידי זה נולד יעקב יושב אוהלים, כלול משתיהן, עיי"ש.

18 וז"ל בספה"ק מאור עינים (פ' מקץ בדרוש לחנוכה) "ועל כל זה מה שאנו יכולים להתחזק בדברי תורה ובחוקים הוא מחמת שהראשונים התפללו על זה כי ידוע כי האבות התפללו בימיהם על העתיד להיות עד ביאת המשיח במהרה בימינו לכן כתיב באברהם וירדוף עד דן שם תשש כחו והתפלל על הדבר כן רמז אברהם אבינו עליו השלום על חנוכה באומרו (בראשית כ"ב, ה') שבו לכם פה עם החמור ואני והנער נלכה עד כה, הוא כ"ה בכסליו שהתפלל שינצחו את היונים בימי מתתיהו וכמו כן יוסף הצדיק חרד על הדבר ורמז בדברו עם בנימין אלהים יחנך בני (שם מ"ג,

**אב"ד סיגוט:** היינט איז דעם מאור עינים'ס יארצייט.

**רבינו:** יא, ס'איז געווען היינט די יארצייט (י"א מרחשון), היינט בייטאג.

**אב"ד סיגוט:** דער רבי ר' זושא האט נאר געהאט איין זוהן?

**רבינו:** ער האט געהאט צוויי זוהן, רבי הערש מענדל, ער האט געוואוינט אין האניפאלי, און רבי ישראל אברהם האט געוואוינט אין טשארני–אוסטראה.

**אב"ד סיגוט:** ס'איז דא אייניקלעך פון זיי?

**רבינו:** כ'שטעל מיך פאהר אזוי.

רבי ישראל אברהם איז געווען אן איידעם ביי רבי זאב וואלף פון טשארני–אוסטראה, במילא איז ער געבליבן דארט וואוינען אין טשארני–אוסטראה.

**המחותן:** כ'דערמאן מיך א מעשה וואס מ'דערציילט פונעם אפטער רב, דער ריזשינער איז געווען אסאך יונגער פונעם אפטער רב, דער ריזשינער האט אמאל באגלייט דעם אפטער רב, און דאס גארטל פונעם ריזשינער איז אראפ געפאלן האט ער זיך אראפגעבויגן אויפצוהייבן דאס גארטל.

**רבינו:** דאס איז געווען ביים דאווענען, ביי די אוסטילער חתונה,[19] ווען ער איז געגאנגען דאווענען מנחה, איז אים אראפ געפאלן די גארטל, און דער אפטער רב האט אים אויפגעהויבן דאס גארטל, דער ריזשינער איז נאך געווען דעמאלטס א יונגערמאן.[20]

**המחותן:** יא, דער זוהן רבי איטשע מאיר האט אים געפרעגט, וואו פאסט דאס פאר אן אלטן איד אזוי צו טוהן פאר א יונגערמאן?

**וסידר רבינו את הקבלת קנין לקישור החיתון**

**ואיחל מז"ט להחתן ולהמחותנים מכל הצדדים**

**ושרו ניגון שמחה לכבוד המאורע**

---

כ"ט) יחנך לשון חנוכה שיעשה השם ניסים ונפלאות בחנוכה ובכל שנה ושנה יש מפלת הרשעים של אומות העולם שונאי הדת עד שיפלו ויתבטלו לגמרי ויבוא משיח צדקינו במהרה בימינו וזהו ערכתי נר למשיחי (תהלים קל"ב, י"ז) מן נר חנוכה הוא הערכה שיבוא משיח צדקינו ויתבטלו כל הקליפות וזהו עד שתכלה רגלי דתרמודאי הוא הקליפה כדכתיב תרמוד בהרים.

ולחיבת הקודש נעתיק כאן מ"ש בזה מרן רבינו שליט"א בלב אהרן (פ' מקץ) וז"ל: בפרשת העקידה (בראשית כב ה) ויאמר אברהם אל נעריו שבו לכם פה עם החמור ואני והנער נלכה עד כה. כתב ק"ז זללה"ה במאור עינים (פ' מקץ ודרוש לחנוכה) שרמז אברהם אבינו על נס חנוכה, עד כ"ה, הוא כ"ה בכסליו.

ונראה בהקדם מה שכתב א"ז זללה"ה בקדושת יום טוב (ראש השנה אותה) ליישב קושית הזוהר הקדוש (וירא דף קיט:) למה נתייחס הנסיון אל אברהם ולא ליצחק שנאמר (בראשית כב א) והאלהים נסה את אברהם, וביאור הענין, כי עבודת אברהם אבינו היתה לא זו בלבד שרצה למסור נפשו של בנו יחידו ולשוחטו במצות ה', אלא כל כך גדלה אהבת הבורא בלבו עד שהוליד גם בלב בנו יחידו התעוררות ברשפי אש והשתוקקות להקריב עצמו לעולה אשה ריח ניחוח לה', ואף מה שיצחק הסכים עמו, גם זה היה מעבודת אברהם אבינו, כי בצדקתו ובקדושתו הפעיל זה בלב יצחק ומאתו היה, ולזה אמר (שם טז) יען אשר עשית את הדבר הזה, שאברהם אבינו הפעיל אז והכניס אהבת ה' בבנו ובזרעו אחריו שגם המה ימסרו נפשם ומאודם לה', עכ"ד.

והנה הקשה הבית יוסף (או"ח סימן תר"ע) למה קבעו ח' ימי חנוכה, הלא הנס לא היה רק ז' ימים כיון שמצאו בפך שמן ליום אחד, ותירץ הפרי חדש (שם) דהנס של יום הראשון הוא זכר לנצחון המלחמה שנצחו החשמונאים את היונים במלחמת ה' בגיבורים. האומנם מלחמה זו שלחמו החשמונאים הקדושים נגד מלכות יון היה מתוך מסירות נפש להשי"ת, שהחשמונאים היו חלשים ומעטים י"ג אנשים נגד חיל גדול של היונים, ובדרך הטבע לא היו יכולים לנצח, אלא היו מוכנים למסור נפשם על קדושת השם. ויתכן שהחשמונאים בקדושתם הדליקו אז אש קודש לעורר את כל בני ישראל שיקבלו עליהם עול מלכות שמים באהבה להיות מוכן ליהרג למען כבוד שמו יתברך, וקדושתם עומדת לנצח, כי מה שיש בלבבות בני ישראל לדורות עולם אור של מסירות נפש, זהו בכחם של החשמונאים הקדושים. ולזה אומרים בנוסח ההודאה, ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופורקן כהיום הזה, שגם בימינו אלה כאשר נתעורר באדם תשוקה לעבודת ה' במסירות נפש, הוא מכח קדושתן של החשמונאים בימים ההם.

וזהו ביאור הרמז בפרשת העקידה, ואני והנער נלכה עד כ"ה, הוא כ"ה בכסליו, רמז בזה כי אברהם אבינו השריש כח מסירות נפש בבני ישראל, וזה נמשך עד ימי חנוכה היינו כ"ה בכסלו, שקדושתו של אברהם אבינו נטבע בבניו אחריו, ובכח זה גם החשמונאים הקדושים מסרו נפשם ויצאו למלחמה, אמנם מחנוכה ואילך קיבלו בני ישראל כח מסירות נפש על ידי החשמונאים הקדושים.

---

**19** החתונה הגדולה והמפורסמת בעולם החסידות בימי קדם התקיימה בעיר "אוסטילא" בשנת תקע"ד כאשר החתן היה רבי שמואל יחיאל בנו של הרה"ק רבי דן מראדוויל זי"ע שהיה בנו של הרה"ק רבי איציקל מראדוויל זי"ע וחתן הרה"ק מאפטא זי"ע, והכלה היתה בת הרה"ק רבי יוסף מאוסטילא זי"ע בנו של הרה"ק רבי מרדכי מנעשחיז זי"ע, והרבה צדיקי הדור באו להשתתף בשמחה זו, עד שאמרו שהיה מזרח של ע' "ווייסע בעקיטשעס" דהיינו של בעלי רוח הקודש מפורסמים, (כ"כ כידוע בהחתונה הנ"ל התקיימה הדין תורה אודות המחלוקת על הדרך של פרשיסחא כמתואר באריכות בס' דור דעה).

**20** ועיי' בס' נר ישראל (עמ' נ"ה אות ד') שכאשר נתכבד הרה"ק מרוזין זי"ע לרקוד "מצוה טאנץ" לפני הכלה, הכריז הרה"ק מאפטא זי"ע "פנו מקום", והרע הדבר לבניו, ויאמרו לו אבא הלוא הנך זקן הדור והוא צעיר לימים, אך הוא לא שמע אליהם ויאמר להם "היודעים אתם מי הוא ההולך לרקוד מלך ישראל".

**רבינו:** ער האט געזאגט אז ער איז א ספר תורה, און מ'האט אים פון הימל מכבד געווען מיט גלילה.[21]

**אב"ד בית אהרן:** ווען דער טשערקאסער האט חתונה געהאט איז געווען דער תניא און רבי מאטעלע טשערנאבלער, צוויי זיידעס, און דער תניא האט געזאגט תורה, נאכדעם האט ער געזאגט פאר'ן מחותן, מחותן זאגט'ס תורה, און ער האט געהייסן זינגען, אזוי איז געווען דריי מאל, דער תניא האט געזאגט תורה, און געהייסן פאר'ן מחותן זאגט'ס תורה, און ער האט נישט געזאגט קיין תורה, דאס דריטע מאל האט ער געזאגט, גוט כ'וועל זאגן תורה, און ער האט געזאגט אזוי, 'יקח נא מעט מים', אין מים אלא תורה, אביסל תורה, דער עיקר איז מ'זאל זעהן 'ורחצו רגליכם', מ'זאל זיך אפגעוואוינען פון די נישט גוטע רגילות'ן, און די גרויסע זאך איז 'והשענו תחת העץ', מ'זאל זיך אנלאנען אויף די רבי'ס, אויף די עץ החיים.[22]

און ביים טאנצן האט דער טריסקער מגיד געזאגט אז ער האט אים אויפגעהויבן אסאך העכער ווי אלע דריי מאמרי חסידות.

**רבינו:** ווען זיי האבן זיך משדך געווען, און מ'האט געמאכט א לחיים לכבוד דעם שידוך שליסן, און מ'האט זיך געוואונטשן לחיים דער תניא מיט רבי מאטעלע טשערנאבלער, און דער תניא האט געזאגט 'לחיים, אלע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות', און רבי מאטעלע האט צוריק געוואונטשן אלע השפעות טובות בגשמיות וברוחניות, האבן זיי זיך אנגעהויבן צו קריגן וואס זאגט איר בגשמיות וברוחניות, מ'דארף זאגן פארקערט, האט רבי מאטעלע טשערנאבלער געזאגט, יעקב אבינו האט געזאגט (בראשית כח, כ) ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש [ואח"כ] והיה ה' לי לאלוקים, קודם גשמיות און נאכדעם רוחניות, האט דער תניא געענטפערט 'יעקב אבינו'ס גשמיות איז געווען לויטער רוחניות'. האט ער געזאגט 'אמת, אבער זיין רוחניות איז געווען נאך העכער'.[23]

**המחותן:** מ'טייטש דאך (כן פירש הרה"ק מראפשיץ ז"ל הובא באור ישע לשבת) בחמרא טבא דבי תחדי נפשא (מתוך פיוט אסדר לסעודתא ביום השבת), אז מ'האט א גוטן חומר דעמאלטס קען מען דינען דעם באשעפער.

**רבינו:** ווען דער דברי חיים האט זיך משדך געווען מיטן טשערקאסער (ה"ה בנישואי חתנו הגה"ק רבי מרדכי דוב מהארנאסטייפל ז"ל), איז די חתונה געווען ביי א גרעניץ צווישן עסטרייך און רוסלאנד, דער דברי חיים איז געפארן פון צאנז א האלבן וועג, און דער טשערקאסער (הרה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס ז"ל, זקינו של החתן, והחתן נתגדל אצל זקינו הנ"ל) איז

---

21 ויש מספרים שהוסיף אז הרה"ק מאפטא ואמר: "ומי גוי גדול אשר לו חוקים ומשפטים צדיקים", יש צדיקים שהם בבחינת משפטים שכל איש מבינם, ויש צדיקים שהם בבחינת חוקים שאין הכל מבינים אותם, הרב הקדוש מריז'ין הוא צדיק בבחינת חוק, ואפשר שאין אתה מבין אותו.

22 ועיי' בס' עטרת חיים (ח"א) שמביא בשם א' ששמע ד"ת זו מפי מרן הק' מצאנז זי"ע בסעודת רעווא דרעווין, ע"ש.

23 ידוע שפעם א' נתווכחו בענין זה רבותינו קדושי עליון נוחי ארץ נבג"מ הרה"ק המגיד מקאזניץ זללה"ה והרה"ק הרבי מלובלין זללה"ה, שהמגיד מקאזניץ אמר שבתחלה צריך האדם לבקש מהשי"ת על רוחניות ואח"כ יבקש על גשמיות, והרבי מלובלין אמר להיפוך שבתחלה יבקש על גשמיות ועל ידי זה יוכל לבא לידי רוחניות, כי לא יוכל אדם לבא לידי רוחניות אם לא יהיה קודם גשמיות כמובן. ועל פי זה מתאמרא משמיה דהרה"ק המגיד מטריסק זללה"ה (הובא בילקוט מאורי אור לשבועות) על פלוגתת בית שמאי ובית הלל (חגיגה יב.) דבית שמאי אומרים שמים נבראו תחלה, ובית הלל אומרים ארץ נבראת תחלה. הכוונה דבית שמאי ס"ל שבתחלה צריך האדם לבקש על רוחניות, ואחר כך יתפלל על הארץ היינו גשמיות, ובית הלל ס"ל ארץ נבראת תחלה, שצריך האדם לבקש מתחלה על גשמיות וממילא יבא על ידי זה גם לרוחניות, כי על ידי גשמיות יכולים לבא לידי רוחניות.

ובזה ביאר מרן רבינו שליט"א מקראי קודש בפר' תולדות, שבירך יצחק אבינו את יעקב אבינו ויתן לך האלהים מטל השמים ומשמני הארץ, כפשוטו שיזכה לשפע רב ופרנסה בריוח, וכמדרשו מטל השמים זו מקרא ומשמני הארץ זו משנה, ודרשו עוד במדרש ויתן ויחזור ויתן, רמז לשני סוגי ברכות, על עניני גשמי ועל עניני רוחני, אך איני יודע איזה מהם קודמת, ולזה כשהסכים יצחק בלבו לברכו הקדים ואמר כמכריע, ראה ריח בני כריח שד"ה אשר ברכו הוי"ה, רמז על שיטת בית הלל דארץ נבראת תחלה, ובאופן זה קאי הברכות ויתן לך האלהים מטל השמים ומשמני הארץ כפשוטו בברכה בגשמיות, שקודם יזכו בני ישראל לשפע גדול בהרחבת הדעת ויהיה השפעות טובות בכל עניני גשמי. והנה צרכי עמך ישראל מרובים, וזקוקים לפרנסה ושפע טובה, ויתן ויחזור ויתן, שאח"כ יהיה השפעה ברוחניות, מטל השמים זו מקרא, ומשמני הארץ זו משנה, ואם לא יהיה לבני ישראל דאגת הפרנסה, יהיה להם דעת צלולה לעסוק במקרא משנה גמרא ובאגדה, ויצחק אבינו כבש דרך זה ויצחק אבינו כבש דרך זה לבניו אחריו והכריע שמתחלה ישפיע הקב"ה עניני גשמי ואח"כ עניני רוחני, וברכה זו ברך יצחק אבינו את בניו עד סוף כל הדורות, ואל הברכות הללו עיני בני ישראל צופיות, שיפתח ה' את אוצרו הטוב, שלא יצטרכו להתייגע כל כך על הפרנסה.

ועל פי זה ביאר מרן רבינו שליט"א הפייטן, צמאה נפשי אל הוי"ה היינו שם הוי"ה ביושר שהאותיות י"ה הן תחילה, ולכן ימלא שובע אסמי, להקשפיע לי צרכי גשמיות תחילה, אל ההרים אשא עיני, אל תקרי ההרים אלא ההורים, מה שאמר יצחק אבינו כריח שדה אשר ברכו הוי"ה, כהלל ולא כשמאי, שבזה הכריע יצחק אבינו כבית הלל דארץ נבראת תחילה". עכתדה"ק.

געקומען א האלבן וועג דער טשערקאסער האט נישט געטארט ארויס פארן פון רוסלאנד, ס'איז געווען דעמאלטס די גזירת צאדיקאוו, די טווערסקי'ס זענען געווען זייער באגרעניצט מיט די נסיעות.[24]

דער דברי חיים האט געהאט צוגעזאגט נדן פאר די טאכטער כנהוג, האט ער זיך אנגעגרייט געלט, און איז געפארן צו די חתונה, ביז ווען מ'איז אנקומען אהין, האט ער שוין געהאט אויסגעטיילט דאס גאנצע געלט פאר צדקה, אז ער האט שוין נישט געהאט קיין פרוטה, ווען ער האט זיך געטראפן מיטן טשערקאסער האט ער איהם געזאגט 'גלייבט מיר אז כ'האב אנגעגרייט געלט, אבער אויפן וועג האב איך עס אויסגעטיילט, אויב דער מחותן וויל מאכן די חתונה אזוי אן דעם געלט איז גוט, און אויב נישט וועט מען צוואווארטן א צוויי וואכן, כ'וועל ארומפארן דא אין געגנט ביז איך וועל האבן דאס געלט און דעמאלטס וועט זיין די חתונה', האט דער מחותן געזאגט 'איך וויל נישט אפהאלטן די חתונה, כ'האב שוין געזעהן דעם טאטן (הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל ז"ל) מיט בגדי שבת, און אז דער טאטע האט זיך שוין מטריח געווען צו קומען צו די חתונה פון עולם העליון, וויל איך נישט אפשטופן די חתונה און נאכאמאל מטריח זיין'.

**ואיחל רבינו ברכת מז"ט ע"י הטעלאפאן להאדמו"ר מקאזלוב אביו של המחותן, ושרו עוד ניגוני שמחה לכבוד המאורע**

**המחותן:** דורך די וואוידאסלאווער משפחה קומט אויך צו אסאך יחוס, עס קומט צו דער יהודי הקדוש, ראדישיץ, לובלין, די גאנצע פוילישע יחוס (דהיינו מצדיקי פוילן).

היינט איז די יארצייט פון מיין עלטער שווער דער וואוידאסלאווער רב, י"ב איז די יארצייט.[25]

**רבינו:** ער האט געהייסן נאכ'ן ראדישיצער.

---

24 כן היו נקראים הצדיקים בפי הצוררים ממלכות רוסלאנד, שהציקו את הצדיקים המפורסמים אשר היו להם השפעה על עדת החסידים.

הגזירה 'צאדיקאוו' עצמה היתה על ראש צדיקי בית טשערנאביל האמורים לעיל בשנת תר"כ. מני אז, ובמשך שלושים שנה, עד שנת תר"ן בערך, עמדה הגזירה במלוא תוקפה על החצרות מגזע הקודש דטשערנאביל.

הגזירה, "גזירת צדיקאוו", קבעה כי חייבת להיות ביקורת תמידיית מטעם נציגי השלטון על כל אורחותיהם של הצדיקים הללו מגזע הקודש טווערסקי, והמפקד-המושל העליון של מחוז קיעוו, "גאבערנאטור", כותב במכתב: "בעצם היינו צריכים לשלוח מכאן את כל הצדיקים מכל המחוז בכדי להמעיט את השפעתם על ההמונים, אך עצה זו לא מועילה, כפי שכבר הוכח בפרשת הצדיק פרידמאן מריזשין, שמעת אשר הוכרח לעזוב את הארץ גדלה השפעתו הרבה יותר"...

והגזירה היתה בעיקר על צדיקי בית טווערסקי, כי הם הירבו לנסוע, על שבתים וכדו' ובכל מקום בואם באו כל אנשי העיר לקבל פניהם וגם מכל הסביבה ההיא היו באים לעיירה ההיא להיות במחיצתו של הצדיק, ליהנות לאורו ולקבל ממנו עצה ותושיה, ומנהגם הי' לצאת לעיירות מיד אחר החגים עד ימי החנוכה, ואחר חנוכה שוב נסעו עד פורים, וכן מיד אחר הפסח עד שבועות וכן אחר שבועות עד חודש אלול, ולמעשה לא היה מגיעים לעיירה אחת יותר מפעם אחת בשנתיים או יותר, שהיו הרבה עיירות ובכל סביבה היה עיירה מסוימת שלשם היו מגיעים, ובכל מקום שהרבי היה מגיע התקבצו מכל הסביבה והיה בעיירה ההיא כעין חג.

וסיפר א' מהצדיקים מנכדי בעל תשואות חן מליניץ ז"ל שפ"א נסע לעיירות ובאותה תקופה היתה גזירה מאת הצאר שהצדיקים לבית טווערסקי לא ייצאו מעירם, כיון שידע פעולתם הק', וכשנתפס הנ"ל הוכיח שאין הוא ממשפחת טווערסקי והתפלא השוטר ואמר: "לא ידעתי שיש צדיקים שאינם בשם טווערסקי".

ועיין בס' אמת ויציב (ח"ג) ובס' ספרן של צדיקים (עמ' מ"ט) שבעת המסירה על צדיקי בית טשערנאביל המפורסם בשם 'גזירת צאדיקאוו' באו אל הרה"ק ר' אהרן מטשערנאביל זצוק"ל לחקור עליו, ושאלו האם אתה 'צאדיקאוו', א"ל הן אני צאדיקאוו, אמר השר שיחתמו שני עדים שהוא הודה בעצמו שהוא צאדיקאוו, תמה הרה"ק, וכי צריך אני עדים שאני צאדיקאוו, השמים והארץ יעידו שאני צדיק, ועל השולחן היו מונחים פתקאות, ושאל השר ההוא על מהותם, השיב הרה"ק מי שיש לו בקשות נותן לי פתקא שאתפלל בעדו, ולהוראת השר לקחו הפתקאות וכרכו אותם במטפחת, וגם הסידור היה מונח על השולחן וכתובים בו שמות אנשים, ולשאלת השר, אמר הרה"ק כי גם כאן כתובים בקשות, ולקח השר גם הסידור והתחיל ללכת החוצה, אמר הרה"ק וכי גם הסידור לקחו, במה אתפלל, והלך הרה"ק וחטף ממנו הסידור, ונתפחד השר ואמר לאנשיו הוליכו אותי החוצה, כי לא אדע מה היה לי, וכשהוליכוהו חוצה אמר השר, כמעט פרחה רוחי מפחדו, ומעולם לא ראיתי איש שמטיל אימה ופחד כמותו.

כאמור, הגזירה הורגשה מאד בהגיע עת דודים, כשנישאו בני ונכדי הצדיקים הק', וכידוע השתדכו הני צדיקים פעמים רבות זה בזה, וכל אימת שהיו צריכים לצאת ממקומם הוכרחו לקבל אישור הממשלה שהקשתה עליהם קשיים רבים. כך גם כל אימת שביקשו לעלות על ציון אביהם המגיד הק' מטשערנאביל ז"ל שנטמן בכפר אנאטיווקא, לא בנקל עלתה להם להגיע למחוז חפצם, שכן כל פעם שאחד מן הצדיקים יצא ממקומו נתקבצו ובאו הרבה מאות אנשים להקביל את פניהם בחרדת קודש ובכבוד מלכים, והדבר היה לצנינים בעיני השלטון.

ועיין בספר "בעלוץ צדיקים" שיו"ל ע"י חסידי סקווירא (עמוד נו), מובא הרבה כת"י ודאקומענטן שתורגמו מרוסיש בנוגע לגזירת צדיקאוו שנמצאים בין הארכיון של ממשלת רוסלאנד בעיר בקיעוו.

25 כ"ק הגאון הצדיק המפורסם רבי ישכר בער הלוי ראטענבערג ז"ל, אבד"ק וואוידיסלוב מח"ס ירבה תורה, ומחשובי הרבנים בארה"ב אחר המלחמה שעמד לימין רביה"ק ז"ל במסגרת התאחדות הרבנים להעמיד הדת על תילה, נלב"ע ביום י"ב מרחשון שנת תשמ"ז לפ"ק.

ער האט נישט געהייסן ׳ישכר דוב׳, נאר ׳ישכר בער׳.

**אב״ד סיגוט:** דער סענדזשארזשער רב האט אויך געהייסן ׳ישכר בער׳.[26]

**רבינו:** ער האט געהייסן ׳יששכר׳ ביי זיי איז דא דער נאמען ׳יששכר׳. און דער ראדישיצער האט געהייסן ׳ישכר׳.

**המחותן:** דער בעלזער רב ז״ל האט אויך געהייסן ׳ישכר דוב׳. און ער האט געהייסן ישכר ׳בער׳.

**רבינו:** דער נאמען ׳בער׳ שטאמט פון דודאים, ׳יששכר האט געהאט די דודאים, דאס איז איבער געטייטשט, אויף ענגליש הייסט דאס בערי׳ס, און אויף דייטש הייסט דאס בערן, במילא קומט ישכר צוזאמען מיט בער, אבער ס׳איז נישט ׳דוב׳. מ׳קען טרעפן אין שולחן ערוך אין הלכות ברכת הפירות איז דא וואספארא ברכה מ׳מאכט אויף ׳בערן׳. ס׳איז דא פארשידענע סארטן בערי׳ס, סטראבערי׳ס, בלובערי׳ס, מ׳טרעפט אין מגן אברהם שטייט ׳בערן׳, דאס איז בערי׳ס. בקיצור וועגן די דודאים פון יששכר (שיששכר נולד ע״י הדודאים שנתנה אמו לאה לרחל), איז געווען בערי׳ס, דאס איז דער נאמען ׳ישכר בער׳

**אב״ד בית אהרן:** ווי אזוי האט דער מעזריטשער מגיד געהייסן?

**רבינו:** ער האט געהייסן ר׳ דוב בער.

דער קדושת לוי אין ספר רופט אים אזוי ר׳ ׳דוב בער׳.[27]

**אב״ד סיגוט:** רבי מאטעלע האראנסטייפלער פלעגט זיך אסאך מאל אונטער שרייבן ׳מרדכי דוב בער׳.

**רבינו:** יא, ער האט געהייסן ׳דוב׳, און מ׳האט אים גערופן ׳ר׳ מרדכי דוב בער׳.[28]

---

26 כ״ק הגאון הצדיק רבי יששכר בער קאהן ז״ל אבד״ק סענדזשארזש, ומחבר ספרי בינת יששכר עה״ת ומועדים ושו״ת ע״ד חלקי שו״ע.

27 עי׳ בספה״ק קדושת לוי פרשת לך, ד״ה או יאמר במה אדע, וזל״ק ׳על פי ששמעתי מהצדיק אדוני מורי ורבי דוב בער נשמתו בגנזי מרומים׳, עי״ש ובעוד מקומות בקדו״ל, ובשאר ספרי תלמידיו הק׳ ז״ל.

28 עיי׳ בס׳ אילה שלוחה (סימן י״ג) מהרה״ק רבי נפתלי משינאווא ז״ל שכתב תשובה מעיר צאנז להרה״ק מהאראנסטייפל, וז״ל: דודי ידיד נפשי רעי ואהובי הרב החריף ושנון המפורסם רב תבונות חסיד ועניו מוכתר בנימוסין כקש״ת מ׳ מרדכי דוב בער שליט״א מעת בוא דבריו הנחמדים אלינו בכל לבי דרשתי מאת כ״ק זקני הגאון הקדוש הוא חותנו להשיבו...

וראוי לציין אשר שמו הק׳ נקרא עליו ׳מרדכי׳ ע״ש ק״ז הרה״ק רבי ר׳ מאטעלע מטשערנאביל ז״ל, ו׳דובער׳ ע״ש ק״ז הרה״ק רבי דובער שניאורסאהן מליובאוויטש ז״ל. ובתחילת ספרו ׳חיבור לטהרה׳ על הלכות נטילת ידים ומקואות, כתב חרוזים רשום בשמו ׳מרדכי דובער׳

---

**המחותן:** רבי משה לעלובער איז געווען אן איידעם ביים יהודי הקדוש, האט זיין פאטער רבי דוד לעלובער געזאגט אז דער מחותן זאל געבן נדן, ער האט דאך אבער נישט געהאט, האט ער געזאגט אזוי, אז איך וועל האבן א ברעטל, כ׳וועל האבן א ברויט, וועט ער עסן ביי מיר, און אז ער וועט האבן א ברויט וועל איך עסן ביי אים, דאס איז געווען דער נדן. דער וואוידאסלאווער האט געזאגט אליץ ווען ער האט דאס דערציילט, ׳דער שידוך איז ׳געווארן׳ און מ׳איז געווען ׳צופרידן׳.

**רבינו:** דער ייטב לב איז דאך געווען אן איידעם ביים טאלטשווער רב, האט ער אים געדארפט געבן קאסט, האט ער אים קודם געדארפט געבן וואו ער זאל וואוינען א צימער, ער האט דאך געהאט א קליינע דירה ד׳ על ד׳, נו וואו זאל ער אים געבן קאסט, וואו זאל ער אים לייגן דעם נייעם איידעם... איז אזוי, יעדעם הויז האט דאך א בוידעם, האט מען אויסגעשניטן א לאך אין דאך, און מ׳האט ארויף געטראגן בעטן דארט אויבן אין בוידעם, און מ׳האט צוגעשטעלט א לייטער, אזוי איז מען ארויף געגאנגען אין בוידעם, און אזוי האט ער גענעכטיגט און דארט האט ער געוואוינט, און בייטאג האט ער גענומען דעם איידעם און געלערנט מיט אים, דער שווער האט געלערנט מיטן איידעם, ס׳איז נישט געווען קיין געהעריגער טיש, אבער א לאקשן ברעט איז געווען, ווייל מ׳האט דאך געדארפט קנעטן טייג צו באקן, האט מען גענומען דעם לאקשן ברעט און מ׳האט געמאכט פון דעם א טיש, און אזוי האט מען געלערנט,[29] ס׳איז געקומען ווינטער איז דאך געווען קאלט, דארף מען האבן האלץ צו הייצן, קאסט עס דאך געלט, ס׳איז דאך אבער נישט געווען קיין געלט, אבער א דאכענע האט ער געהאט, האט ער אים געגעבן א דאכענע, האט מען זיך ארום געוויקלט מיט די דאכענע אזוי איז ער געזעצן יומם ולילה מיטן שווער און געלערנט, אזוי איז דאס געווען א שטיק צייט.

שפעטער ווען ס׳איז אדורך א שטיקל צייט ס׳איז געקומען א יו״ט האט ער געזאגט אז ער וויל פארן באזוכן דעם זיידן דעם ישמח משה, איז ער געפארן קיין אוהעל, איז ער אריין

---

29 עיי׳ בספר תפארת יואל (ח״ג ל״ד) שפע״א סיפר רביה״ק זי״ע שזקה״ק הייטב לב היה חי בדחקות נוראה, עד שלא היה לו שולחן בחדרו ללמוד עליו, ובכל ימות השבוע היה מניח את הגמרא על לאקשן-ברעט, ובליל שישי כשהוכרחו להשתמש עם הלאקשן ברעט לאפות חלות על שב״ק, היה לוקח הגמ׳ בידו ולמד בה.

געקומען און דער זיידע דער ישמח משה האט זיך זייער שטארק געפריידט צו אים ווען ער האט אים געזעהן, האט ער אים געפרעגט וואס לערנסטו, וואס ביזסטו עוסק, און ער האט אנגעהויבן צו שמועסן מיט אים אין לערנען, און ער האט שטארק הנאה געהאט פון אים,[30] און די באבע האט געהערט אז איר אייניקל איז אנגעקומען, צו ער איז אריין געגאנגען זאגן שלום עליכם פאר די באבע, און מ'שטעלט'זיך פאר אז מ'זיצט אין אזא דירה ווערט מען אביסל אפגעמאגערט אויפן פנים, מ'דערקענט עס, נאכן זיצן אזוי אפאר חדשים האט זיך עס דערקענט אויפן פנים, זי קוקט אים אהן און זי גייט אריין צום ישמח משה און זאגט, אונזער אייניקל איז דא ער זעהט זייער שלעכט אויס... האט דער ישמח משה געענטפערט 'כ'ווייס נישט וואס דו זאגסט, כ'האב גערעדט מיט אים אין לערנען, ער זעהט זייער פיין אויס...'.[31]

30 ולחיבת הקודש נעתיק כאן מ"ש מרן רביה"ק בעל דברי יואל ז"ל בתוך מכתב קודש לכ"ק מרן רבינו שליט"א כאשר עסק בהדפסת הספה"ק "תולדות אדם" מאת ק"ז הגה"ק רבי משה דוד אשכנזי זצ"ל אב"ד טאלטשאווע:

"ב"ה, היות שהאברך היקר הרב המאור הגדול חריף ובקי מו"ה אהרן ט"ב נ"י נכד אחי הרב הגה"צ האבדק"ק סיגעט זלה"ה, רוצה להדפיס את הספר תולדות אדם מק"ז הגה"ק האב"ד דק"ק טאלטשווא זלה"ה, שכבר ספו תמו ולא נשאר כי אם א' בעיר ושנים במשפחה, ולזה אמינא לפעלא טבא יישר חילו כידוע שק"ז הגה"ק בעל ייטב לב זלה"ה סיפר נפלאות מתורתו, שהיה סמוך על שולחנו כמה שנים ונהנה מתורתו. ומהראוי להפיצו ע"פ תבל אמרות תורתו ופלפוליו היקרים של תורה לשמה בקדושה ובטהרה, ובקניית ספרים הקדושים כאלו של דורות הקודמים מביאים ברכה לתוך ביתם. והשי"ת יאיר עינינו בתורתו הק' וירחיב גבולי הקדושה עדי נזכה לראות במהרה בישועת כל ישראל ושמחתן וגאולה קרובה בב"א. הבעה"ח יום ג' לס' כתב זאת זכרון בספר תשכ"ח הק' יואל טייטלבוים"

31 עיי' בס' מראה אש (אות פ"ב) שהמחבר (הרב החסיד ר' שלמה אהרן פריעדמאן ז"ל מעיר סאטמאר שאמו היתה בת אחותו של מרן הגה"ק הישמח משה ז"ל) שמע מהגה"צ רבי אברהם אהרן ט"ב ז"ל מקאלבסוב שפע"א הגיע לבית אביו הק' מרן הייטב לב ז"ל והתמרמר לפניו שאין לו די הצטרכותו בקהילת קאלבסוב ואין לו לחם לפי הטף, וע"ז השיב לו אביו ותיאר לו את גודל דחקותו שהיה לו בבית חותנו הק' מטאלטשווא, ועיי"ש שמעתיק תוכן השיחה ובתוה"ד אמר לו הייט"ל ...הלכנו תחת הקרח בחצי הלילה, וכשחזרנו לא היה עצים לעשות אש להחם, וישבנו בתוך המטה חותני מצד אחד ואני מצד אחר, ובידי היה המעטשיל עם השמן, ועסקנו בתורה עד הבוקר, ואח"כ הלכנו להתפלל וכשחזרנו אכלנו על סעודת שחרית א איינגעבראטענע יאך, ובערב אכלנו מעט תפוחי אדמה עם מלח, ואם הייתי מספר לזקיני לא היה מניח לי להשאר שם... עיי"ש.

**המחותן:** מ'זאגט אז סיגוט האט מען דאך גערופן 'סיהאט', האט מען געזאגט נישט 'סיגוט' און נישט 'סיהאט'.

**רבינו:** דער ייטב לב האט דאס געזאגט אזוי, נעבן סיגוט (בארץ ראמעניא ואונגארין) האבן אמאל געוואוינט רוסישע מענטשן, מ'האט זיי גערופן 'רוסנאקן' – אזוי ווי אין מונקאטש האבן אויך געוואוינט רוסנאקן, און ס'איז היינט געווארן טאקע אוקריינא, און סיגוט אויך – אז מ'גייט אריבער דאס וואסער קיין סלאטפינא (נהר המפסיק בין סיגוט לסלאטפינא) איז עס אויך אוקריינא, איז וועגן דעם האט 'סיגוט' אמאל געהייסן 'סיהאט', ווייל די רוסן קענען נישט זאגן קיין גימ"ל, האט עס געהייסן 'סיהאט', און שפעטער ביי די אונגארין – די מאדיארן – זיי האבן עס גערופן 'סיגוט', ס'האט געהייסן 'סיגעט' און 'סיגוט', האט דער ייטב לב געזאגט דעמאלטס א ווערטל, אז אמאל האט עס געהייסן 'סיהאט' – האט ער געזאגט אויף א ווערטל – נישט – 'ס'האט', און נישט –ס'גוט, און נישט – ס'געט...[32]

**א' הנוכחים:** ווי אזוי האט מען געשריבן ביי א גט?

**רבינו:** אויף א 'גט' וואס מ'האט געשריבן 'במתא סיגוט דמתקריא סיהאט',[33] ווייל אמאל האט עס געהייסן 'סיהאט'.

**א' הנוכחים:** 'סיגוט' האט מען געשריבן מיט א ע' אדער מיט א ו'?

**רבינו:** מיט א ו', די מאדיארן האבן געזאגט 'סיגעט'. סיגוט הייסט א האלב אינזל אויף אונגאריש, פון צוויי זייטן איז דא דארט וואסער, פון איין זייט גייט דער טיסא (טאס), און פון איין זייט גייט דער איזא, מ'האט געשריבן אויפן גט אין סיגוט 'סיגוט מתא דיתבא על נהר טיסא ועל נהר איזא'. עכ"פ אזוי האט מען געזאגט 'סיגוט', און 'סיהאט'.

**המחותן:** זייער גוט, דער חתן איז גוט און זאל השי"ת געבן נחת.

**ונפרד רבינו מהם ברב ברכות ושובע שמחות**

32 ועי' בהקדמה לס' מאמר מרדכי שמעתיק מכתב מהרה"ק רבי מרדכי מנאדווערנא זי"ע שכתב בשנת תרל"ד בעת שהותו בעיר סיגעט, וכתב שם 'פה עיר סיהאט יצ"ו'. ועיין בס' שער האותיות שכשהרה"ק רבי מרדכי מנאדווערנא התגורר בעיר סיגעט, נענה פע"א ואמר במעלות העיר: ס'האט, און ס'גיט.

33 עי' בקובץ בית וועד לחכמים (י"ל שנת תרפ"ג בעיר סאטמאר) שמביא שם בירור מקיף בשם הגאון רבי יואל כ"ץ ז"ל בעמח"ס טירת כסף שמביא המנהג שבעיר סיגעט היו כותבין 'סיהאט דמתקריא סיגעט', ומביא מזה ראיות, ע"ש.